## קאַפּיטל זעקס

1 נאָך דעם איז ישוע אַוועק אויף דער אַנדערער
2 זייט פֿון דעם ים פֿון גליל, בײַ טבריה. און אַ
גרויסער המון מענטשן האָט אים נאָכגעפֿאָלגט,
ווײַל זיי האָבן געזען די נסים, וואָס ער האָט געטון
3 מיט די קראַנקע. און ישוע איז אַרויפֿגעגאַנגען
אויף דעם באַרג, און האָט זיך דאָרט אַנידערגעזעצט
4 צוזאַמען מיט זײַנע תּלמידים. און עס איז געווען
5 נאָענט צום ייִדישן יום טוב פּסח. און ווי ישוע
האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און געזען, אַז אַ
גרויסער המון מענטשן קומט צו אים, זאָגט ער צו
פֿיליפּוסן: פֿונוואַנען זאָלן מיר קויפֿן ברויט, כּדי זיי
6 זאָלן האָבן צו עסן? דאָס דאָזיקע האָט ער געזאָגט,
אויספּרואוונדיק אים; וואָרום ער אַליין האָט
7 געוואוסט, וואָס ער וועט טון. פֿיליפּוס האָט אים
געענטפֿערט: צוויי הונדערט דינרים ברויט וועט
פֿאַר זיי נישט גענוגן, אַז יעדער אייבער זאָל בלויז
8 נעמען אַ שטיקל. זאָגט צו אים איינער פֿון זײַנע
תּלמידים, אַנדריי דער ברודער פֿון שמעון פּעטרוס:
9 עס איז דאָ אַ ייִנגל, וואָס האָט פֿינף גערשטן־
ברויט און צוויי פֿישלעך; נאָר וואָס איז דאָס פֿאַר
10 אַזויפֿיל (לײַט)? האָט ישוע געזאָגט: מאַכט די
מענטשן זיך אַנידערזעצן. און אויף דעם אָרט איז
געווען אַ סך גראָז. די מענער האָבן זיך דעריבער
אַנידערגעזעצט, אין צאָל אַן ערך פֿינף טויזנט.
11 דאַן האָט ישוע גענומען די ברויטן, האָט געמאַכט
אַ ברכה און זיי צעטיילט צו די, וואָס האָבן
זיך אַנידערגעזעצט; דעסגלײַכן אויך פֿון די פֿישלעך,
12 וויפֿל זיי האָבן געוואָלט. און ווען זיי זענען זאַט